NYC Health

# אווערדאזע פארמיידונג צענטערן: אפט געפרעגטע פראגעס

## וואס זענען אווערדאזע פארמיידונג צענטערן (overdose prevention centers, OPC)?

- OPC זענען פלעצער וואו מענטשן קענען זיכערערהייט נוצן פריערדיגע ערהאלטענע דראגס אונטער די אויפזיכט פון טרעינירטע שטאב. עס זענען דא צוויי OPC וואס טוען אצינד אפערירן אין ניו יארק סיטי (New York City, NYC) - איינס אין East Harlem און איינס אין Washington Heights.
- OPC טוען פארמינערן די ריזיקע פון שאדן פארבינדן צו דראג באנוץ, אריינגערעכנט פאטאלע אווערדאזע, און שטעלן צו העלט סערוויסעס צו מענטשן וואס נוצן דראגס.

## זענען OPC ווירקזאם?

- יא. OPC סערוויסעס זענען אן איבערצייגטע פאבליק געזונט אינטערווענץ צו פארמיידן אווערדאזע טויטפעלער.
- מער ווי 100 OPC זענען אין אפעראציע אין מער ווי 60 יוריסדיקציעס ארום די וועלט.
- קיין מענטש איז נישט געשטארבן פון אן אווערדאזע ביי קיינע פון די OPC אין מער ווי 30 יאר פון אפעראציעס.
- א געזונטהייט אפטיילונג פיזאביליטי שטודיע* האט געפונען אז עפענען פיר OPC אין NYC וואלט געראטעוועט ביז 130 לעבנס און $7 מיליאן אין דירעקטע געזונט קעיר קאסטן פער יאר.

## וויאזוי טוען OPC פארבעסערן די געזונט פון מענטשן וואס נוצן דראגס?

- OPC שטאב פארמיידן אווערדאזע ריזיקעס דורך אינטערווענירן גלייך ווען סימפטאמען פון א מעגליכע אווערדאזע טוען ערשיינען.
- OPC פארמינערן איינשפריץ-פארבינדענע קראנקהייטן און שעדיגונג. זיי טוען אויך פארמערן צוטריט צו העלט קעיר און רעפעררעלס צו דראג באהאנדלונג.

## וויאזוי טוען OPC העלפן די געגנט?

- OPC זענען א זיכערע און ווירקזאמע וועג צו אדרעסירן די אווערדאזע קריזיס און פארמינערן אווערדאזע טויט.
- OPC טוען פארמינערן עפענטליכע דראג באנוץ, סירינדזש מיסט און דראג פארבינדענע פארברעכן אין די געגנטער וואו זיי טוען אפערירן.

---

* ניו יארק סיטי אפטיילונג פון געזונט און גייסטישע היגיענע. אווערדאזע פארמיידונג אין ניו יארק סיטי קוקט איבער איינשפריצונג אלץ א סטראטעגיע צו פארמינערן אפיאוד איבערדאזע און פאבליק איינשפריצונג. 2018: https://www1.nyc.gov/assets/doh/downloads/pdf/public/supervised-injection-report.pdf

## פארוואס טוען OPC זיך עפענען יעצט?

- רעקארד-ברעיקינג נומערן פון מענטשן אין די US און NYC טוען שטארבן פון דראג אווערדאזעס.
- די צענטערן פון קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג האבן באריכטעט מער ווי 100,000 אווערדאזע טויטפעלער אין די 12 חודש צייט אפשניט געענדיגט אין אפריל 2021.
- אין 2020, זענען מער ווי 2,000 מענטשן געשטארבן פון אן אווערדאזע אין NYC, די העכסטע נומער זייט מען האט אנגעפאנגן באריכטן אין 2000.

## ווא געפונען זיך NYC'ס צוויי OPC?

- די OPC אין East Harlem און Washington Heights זענען אין עקזיסטירנדע סירינדזש סערוויס פראגראמען (syringe service programs, SSP) וואס האבן לאנגע היסטאריעס פון צושטעלן סערוויסעס אין זייער געגנטער. פאר מער אינפארמאציע איבער SSP, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר **"alcohol and drug use services" (אלקאהאל און דראג באנוץ סערוויסעס).**
- מער OPC לאקאציעס קענען ווערן געעפנט אין די צוקונפט.

## ווער קען גיין צו אן OPC?

- סיי ווער עס נוצט יעצט דראגס און דארף צוטריט צו OPC סערוויסעס קען גיין צו אן OPC.
- אזוי ווי SSP, וועלן באטייליגטע אויספילן א קורצע סקרינינג און ארייננגאנג פראצעס צו האבן צוטריט צו OPC סערוויסעס.

## ווערן דראגס פארקויפט ביי OPC?

- ניין. פארקויפן דראגס איז נישט ערלויבט אין אדער ארום OPC.

## טוען OPC מוטיגן אדער פארמערן דראג באנוץ?

- ניין. מענטשן טוען שוין נוצן דראגס. OPC טוען פארמינערן דראג באנוץ, פירן צו מער זיכערע דראג באנוץ שריט און פארמערן באטייליגונג אין דראג באהאנדלונג סערוויסעס.
- עס איז נישט דא קיין באווייז אז OPC טוען מוטיגן מענטשן צו אנהויבן נוצן דראגס. OPC טוען סערווירן מענטשן וואס וואוינען אין די ארומיגע געגנט. פארשונג פון SSP ווייזן אז מענטשן אין אלגעמיין נוצן סערוויסעס נאנט צו וואו זיי וואוינען און וועלן מן הסתם נישט פארן ווייט פאר סערוויסעס.

## ווער געבט געלט פאר OPC?

- OPC סערוויסעס ווערן פריוואט אויסגעהאלטן.

**פאר מער אינפארמאציע איבער SSP, באזוכט nyc.gov/health און זוכט פאר "alcohol and drug use services" (אלקאהאל און דראג באנוץ סערוויסעס).**